*RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON*
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

Free Rendition

By the Grace of G-d
In the Days of Sefirah,
5738. Brooklyn, N.Y.

The 23rd Annual Convention
National Council of N'shei uBnos Chabad
Brooklyn, N. Y.

Blessing and Greeting:

I was pleased to be informed about the forthcoming Annual Convention during the weekend of Parshas Bechukosai. May G-d grant that it should be blessed with the utmost Hatzlocho in every respect.

As in the case of all events, and especially in the case of such an important event, we must seek guidance and instruction in the Torah, "Torah" meaning instruction, particularly in the Sedra of the Week when the event is taking place.

The Sedra Bechukosai begins with the Divine promise: "If you will walk in My statutes, and keep My Mitzvoth and do them" - then He will bestow all the blessings mentioned further on in the Sedra.

The question that poses itself is obvious: Surely G-d's Mitzvoth must be fulfilled not for the sake of material rewards, but for their own sake, because G-d commanded them, while the reward is sure to come as a matter of course, since the Mitzvoth were given for the benefit of the doer, both in this life and in the eternal life that follows.

One answer, among others, as also explained at length in the Rambam, is that while the Mitzvoth must, indeed, be fulfilled unconditionally and without regard for reward, there are, inevitably various distractions and difficulties connected with the material aspects of the daily life. When such distractions are at a minimum, it requires no special effort to carry out the Mitzvoth fully and completely. But when material circumstances are not quite so satisfactory, though the same performance of the Mitzvoth is expected, it requires a greater effort, for it is obviously harder to concentrate on Torah and Mitzvoth when one has to overcome outside pressures.

Thus, G-d's promise of the material rewards is not meant to provide the reason for keeping the Torah and Mitzvoth, but it is a promise that where there is a firm resolve to walk in G-d's way and keep His Mitzvoth, He will make it easier by providing all material needs and reducing outside pressures to a minimum.

The above focuses immediate attention on the home and the home atmosphere, which is largely the domain of the wife and mother, the Akeres Habayis.

Even when things seem to be not all that could be desired, or even if, G-d forbid, this is not just an imagination, it is largely up to the Akeres Habayis to ensure that the home should at all times be permeated with the light of Torah and Mitzvoth, in an atmosphere of peace and harmony and joy, for the benefit of the whole family, for it is in the home that the husband and children find comfort and inspiration to deal with the pressures outside the home - at business and in school.

And since this great privilege and responsibility have been given to the Akeres Habayis, it is certain that the ability has been given to her to carry this out fully, as it has also been given to the Jewish daughters who are preparing themselves to take their place as Akeres Habayis.

It is surely one of the functions of the Annual Convention to inspire all participants, and other Jewish mothers and daughters, to go from strength to strength in the said direction, and thus widen the channels to receive and enjoy G-d's blessings in a generous measure, materially and spiritually.

With the approach of Shovuos, the Festival of Mattan Torah, I send each and all of you and yours prayerful wishes for a joyous and inspiring Yom Tov, and the traditional blessing to receive the Torah with joy and inwardness.

With blessing for Hatzlocho
and good tidings,

/Signed: Menachem Schneerson/

**RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON**
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N.Y. 11213
493-9250

**מנחם מענדל שניאורסאהן**
**ליובאוויטש**
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, איך די טעג פון ספירה, ה'תשל"ח
ברוקלין, נ.י.

צו דער 23טער יערלעכער קאנוואנשאן
פון נשי ובנות חב"ד

ה' עליהן תחיינה

ברכה ושלום:

עס האט מיר געפרייט צו באקומען די ידיעה וועגן דער קומענדיגער יערלעכער קאנווענשאן ענדע וואך פון שבת פ' בחוקותי. ויהי רצון אז עס זאל זיין געבענטשט מיט הצלחה אין אלע הינזיכטן.

אין אלע ענינים, ובפרט אזא וויכטיגע געשעעניש, דארף מען זוכן אנווייזונגען אין תורה - מלשון הוראה, און ספעציעל אין דער סדרה פון דער וואך.

די סדרה בחוקותי הייבט זיך אן מיט דער ג-טלעכער הבטחה: "אויב איר וועט גיין אין מיינע געזעצן און וועט היטן מיינע מצוות און טאן זיי" - דאן איז דער אויבערשטער מבטיח אלע ברכות וועלכע ווערן אויסגערעכנט ווייטער אין דער פרשה.

שטעלט זיך באלד די פראגע: אייגנטלעך דארף מען דאך מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס מצוות ניט כדי צו באקומען מאטעריעלע פארדינסטן, נאר צוליב די מצוות אליין וואס דער אויבערשטער האט אנגעזאגט, [כאטש דער שכר וועט קומען במילא, וויבאלד די מצוות זיינען געגעבן געווארן לטובת די וואס זיינען זיי מקיים, סיי דעם שכר אויף דער וועלט, סיי שפעטער אין דער אייביגער וועלט].

איז איינע פון די דערקלערונגען אין דעם, ווי דערקלערט באריכות אויך אין רמב"ם:

כאטש מ'דארף טאקע מקיים זיין די מצוות אן קיינע באדינגונגען, און אויך ניט צוליב זייער שכר, זיינען דאך אבער פאראן פארשידענע שטערונגען און שוועריקייטן וועלכע זיינען פארבונדן מיט די מאטעריעלע אומשטענדן פון טאג-טעגלעכן לעבן. בשעת די שטערונגען זיינען מינימאלע, פאדערט זיך ניט א ספעציעלע אנשטרענגונג מקיים זיין די מצוות בשלימות. אבער בשעת די אומשטענדן זיינען ניט אינגאנצן צופרידנשטעלנד, איז כאטש אויך דאך ווערט דערווארטעט פון א אידן מקיים צו זיין די מצוות בשלימות, קומט עס אן שווערער, ווארום ס'איז דאך ניט אזוי לייכט צו קאנצענטרירן זיך אין ענינים פון תורה און מצוות בשעת מ'דארף זיך אנשטרענגען איבערצוקומען די זייטיגע שטערונגען.

דעריבער איז די דערמאנטע ג-טלעכע הבטחה דעיקר- ניט דער טעם פארוואס מ'דארף מקיים זיין די תורה און מצוות, נאר ס'איז א צוזאג, אז ווען א איד באשליסט מיט דער גאנצער שטארקייט צו גיין אין ג-טלעכן וועג און מקיים זיין זיינע מצוות - דאן פארזיכערט דער אויבערשטער, אז ער וועט דאס מאכן לייכטער דורך באזארגען אלע מאטעריעלע נויטווענדיקייטן און פארקלענערן ביז א מינימום אלע זייטיקע שטערונגען.

דערמיט ווערט אויך באלד אנגעדייטעט די וויכטיקייט פון דער איינשטעלונג פון דער אידישער היים, וואס דאס איז הויפטזעכלעך די אויפגאבע

פון דער פרוי און מוטער, די עקרת-הבית. ווארום ווען אפילו עס ווייזט זיך אויס, אדער ס׳איז באמת אזוי חס ושלום, אז עס פעלט עפעס אין די מאטעריעלע נייטיקייטן, איז עס די אויפגאבע פון דער עקרת-הבית צו זען אז דאס זאל ניט אנרירן די איינשטעלונג פון דער הויז, און אז די אטמאספער זאל שטענדיג זיין דורכגעדרונגען מיט דער ליכטיקייט פון תורה און מצוות און מיט בטחון, פרייד און פרידן; ווארום דאס איז נוגע יעדן איינעם און אלעמען אין הויז, וואו דער מאן און די קינדער זאלן געזונד זיין שעפן דערמוטיקונג און שטארקייט אנצוגיין מיט זייערע ענינים אויך אויסערהאלב דער הויז, דער מאן - אין עניני פרנסה, און די קינדער - אין די מוסדות חינוך.

און וויבאלד אז דער דאזיגער גהויסער זכות, און אחריות, איז געגעבן געווארן צו דער עקרת-הבית, איז זיכער אז ס׳איז איר אויך געגעבן געווארן די נויטיגע כוחות דורכצופירן דאס אין דער פולסטער מאס; אזוי אויך בנוגע אידישע טעכטער וועלכע גרייטן זיך צו פארנעמען זייער ארט אלס עקרת-הבית.

און דאס איז דאך איינע פון די אויפגאבען פון דער יערלעכער קאנווענשאן צו באגייסטערן אלע באטייליגטע, ווי אויך אלע אנדערע אידישע פרויען און טעכטער, צו פארשטארקען זייער טעטיקייט אין דער אויבנדערמאנטער ריכטונג, וואס דערביי ברייטערט מען אויך אויס די צנורות צו באקומען דעם אויבערשטנ׳ס ברכות אין דער פולסטער מאס, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.

אזוי ווי מ׳דערנעענטערט זיך צו שבועות, זמן מתן תורתנו, שיק איך אויך מיין אינערלעכע ברכה צו יעדע איינע און אלע אנטיילנעמער פאר א פריילעכן און לעבעדיגען יום-טוב און די טראדיציאנעלע ברכה צו מקבל זיין די תורה בשמחה ובפנימיות.

בברכה להצלחה
ולבשורות טובות
בכל ה אמור